# אבותינו בולעטין

718-640-1470

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע אקטיוויטעטן פון אבותינו

# תיקון ביה"ח בעיר זאלאשיץ, פוילן

ע"י יוצאי העיר בראשות משפחת הח' פרענק - פריימאן הי"ו
צאצאי המשפחה החשובה לבית זילבערבערג (מ'זאלאשיץ)
בסיוע חברינו הנאמן איש האשכולות חכם וסופר
הרב יואל שווארץ שליט"א,
ובהשתדלות מוה"ר ר' מנחם דאום הי"ו

## וויכטיגע אסיפה להצלת ביה"ח זאלאשיץ

א גאר ווארימע איינדרוק איז געווען ביי די אסיפה מיט א חשוב'ע דעלעגאציע וועלכע טוט פרעזענטירן די משפחות פריימאן - פרענק, און מען האט איבערגעגעבן די עדות און דעטאלן פונעם ביה"ח אין זאלאשיץ.

דער ביה"ח פון זאלאשיץ האט געדינט די זאלאשיץ קהילה בערך דריי הונדערט יאר, וואו עס ליגן דארט הונדערטער נפטרים, צווישן זיי אויך חשוב'ע רבנים וצדיקים און אנשי מעשה. די ממונים פון אבותינו האבן איבערגעגעבן א באריכט איבער די נויטיגע פעולות וואס עס פעלן זיך אויס פארן בנין הגדר מיט א שוץ-מויער און אויפשטעלן מצבות וואס מען וועט אי"ה טרעפן במהלך עבודת הקודש. עס איז ארויסגעברענגט געווארן די גודל נחיצות הענין צו ראטעווען בעוד מועד וואס פריער, וויבאלד עס זענען דא אפענע עצמות רח"ל, וואס איז בגדר מת מצוה, ויפה שעה אחת קודם.

עס איז צום האפן אז די משפחות וועלן זיך אין די קומענדיגע טעג אנשליסן אינעם הייליגן מצוה, און מ'וועט קענען ביים קומענדיגן סעזאן תיכף ארומנעמען דעם ביה"ח מיט א גדר, און אהערשטעלן א שיינעם ביה"ח לכבוד ולתפארת.

גאר אינטערסאנטער אפיל פון די קהילה פאר'ן קריג בייצושטייערן לטובת דעם ביה"ח:


Komitet Budowy Ogrodzenia Cmentarnego
przy Gminie Wyzn. Żyd. w Działoszycach.
Odezwa do ludności żyd. z prośbą o datki na budowę ogrodzenia cmentarza żyd. w Działoszycach.

ב"ה

### דזיאלאשיצער יידן!

אין צוזאמענהאנג מיט דעם בזיון-המתים וואס קומט פאר אין אונזער שטאט, צוליעב דעם וואס דאס בית-החיים איז נישט ארומגעצוימט וואס איז א חרפה און אשאנד פאר יעדן ייד וואס הערט נאר דאס, דאריבער האט זיך געגרינדעט אקאמיטעט פון אלע שיכטן פון אונזער שטאט, כדי ארומצוצוימען דאס בית החיים און דערמיט איסצומיידן דעם בזיון-המתים, איז באשלאסן געווארן צו זאמלען אבערייטענדע סומע (חוץ וואס די קהלה שפענדעט) צו קענען אדורכפירן דעם פלאן.

דאריבער אכטונג דזיאלאשיצער יידן:
זונטיק וועלן אייך באזוכן מיטגלידער פון אויבנגערמאנטן קאמיטעט און איר ווערט געבעטן און עס ליגט אויף אייך דער חוב איינצונעמען די עסקנים העפליך און צו געבן זיי דעם סכום וואס מען האט אייך באשטייערט און ווי איר אליין פארשמייט צו געבן אויף דעם צוועק, ווייל אין נעגענטייל שטערט איר די נוטיקע זאך אדורכצופירן און די פאראנטווארטלעכקייט פאלט אויף אייער געוויסן.

גידענקט אין כבוד-המתים בכלל און כבוד-אב-ואם און קרובים בפרט, העלפט מיט אלע כחות דעם פלאן אדורכצופירן ובזכות זה וועלן מיר געהאלפן ווערן בכל-טוב.

דער קאמיטעט.

Druk. Piekarskiej Działoszyce.

ביה"ח איז אין א שרעקליכער מצב מיט אפענע עצמות ר"ל! בילדער פון ביה"ח פאר'ן קריג און היינט:



מצב הביה"ח כהיום:



דברים מלהיבים
מהרה"ק המהרש"ב מליובאוויטש זי"ע יומדה"ל ב' ניסן

## לשון הרה"ק מהרש"ב מליובאוויטש זי"ע



אגרות קודש, ח"א אגרת קע"ו

וכאשר במחנינו הביה"ק עזוב מאוד ובע"ח רועין בו משום פרצות הגדר, וגם בא לידי חטוטי דשכבי רח"ל, ועם היות כי הגבאים דח"ק השתדלו בכ"ע לגדור פרצות של ביה"ק, אבל מצד מיעוט היכולת שא"א לעשות גדר כדבעי, נפרץ במשך זמן קטן וחוזר הדבר לכמו שהיה.

וכאשר נהייתי לגבאי בח"ק דפה, **שמתי לבי ליקרא דשכבי ונתעוררה רוחי לכבוד המתים לעשות עמהם חסד של אמת בעזרתו ית' ולבנות גדר של ברזל לביה"ק שזה יהיה אי"ה דבר של קיימא**, ואין רצוני לילך אחר הפאר וההידור, כי אם מה שמוכרח לבד, וגם זה יעלה לסך רב בערך עד שני אלפים רו"כ.

ולזאת באתי עם הספר לאוהביי וידידיי אשר אבותיהם וקרוביהם מנוחתם כבוד בביה"ק דפה, לעוררם לעשות חסד של אמת עם אבותיהם וקרוביהם ולנדב ברוח נדיבה לצורך המצוה הגדולה הלזו.

**ובזכות זה יחוננם השי"ת במתנת חנם בחסד נצחיי ובלתי גבולי לשומרם** מכל צר ונזק ומכל נגע ומחלה ופגע רע ר"ל, ולהריק עליהם ברכה עד בלי די בבני חיי ומזוני ובהצלחה בכל הפרטים ברוחניות וגשמיות.

## ברכת מזל טוב

ברגשי אהבה משגרים אנו בזה ברכת **מזל טוב** לידידינו הנאמנים העוסקים לטובת אבותינו **הם וב"ב ומשפ' שיחי'** לרגל השמחה אשר במעונם בשעטו"מ כאו"א בשמם הטוב יבורך ה"ה

הרב החסיד
ר' **יעקב שטייערמאן** שליט"א,
איש אמונו של כ"ק
אדמו"ר **מ'קארלין-סטאלין** שליט"א
יו"ר הפעולות להצלת ביה"ח קארלין (פינסק)
• • •
הרבני החסיד
ר' **שמואל דוד ליכטמאן** שליט"א
מראשי הוועד ביה"ח בעיר **בילקאמין**
• • •
הרבני החסיד ר' **אלחנן וואלף פריעדמאן** שליט"א,
מידידי אבותינו
• • •
**ויזכו כלם ביחד עם המשפחה והמחותנים שיחי' לראות רב נחת דקדושה מכל יוצ"ח**

# תיקון ביה"ח בעיר ברעב, רומעניע

יו"ר ועד הפעולה:
האחים הח' יקרים ונכבדים הרה"ח ר' **נפתלי מייזלער שליט"א**
והרה"ח ר' **אליהו מאיר שליט"א**
חברי הוועד: הרה"ח ר' **הערשל גרין שליט"א** |
הרה"ג ר' **אלחנן יונגער שליט"א** | הרה"ג ר' **יצחק קויפמאן שליט"א**

* * *

עס איז שוין נתנדב געווארן להצלת ביה"ח 80%!
פאר אייער נדבת הלב פון 20%, בכדי אפראטעוווען מקום הקודש, ווערט איהר פולער שותף, און איהר זענט זוכה בזכות "גומרה של מצוה".

**כהיום וואלגערן זיך מתי מצוה בבזיון נורא!**

דארטן ווי עס איז מקום מנוחתם פון טייערע אידן מדור העבר, וועלכע איז אין זייער א שווערן צושטאנד.
מיט אייער חלק אין די הייליגע אונטערנעמונג, ברענגט איהר מנוחה פאר די צדיקים חסידים וישרים תמימי לב זלה"ה.
ביטע זיך פארבינדען צו די חברי הוועד
אדער צו אבותינו 718-640-1470 x 303

**ביה"ח ווערט גערייניגט כדי עס צו קענען בעסער אפשאצן.**



**איר קענט קונה זיין דעם זכות גומרה של מצוה. זייט אייך היינט משתתף!**

**מדור מיוחד: בעד אלו גאונים וקדושים זי"ע אשר הארצייט חל בשבוע זו - ומנו"כ בהביה"ח שנבנו ע"י:** • **א' ניסן:** רבי יצחק יהודה ב"ר שמעון ליעבערמאן זצ"ל אב"ד **שעניא** • **ב' ניסן:** רבי יעקב (חריף) ב"ר אברהם שפירא (צאנז) זצ"ל אב"ד **הומענא** • **ג' ניסן:** רבי נפתלי צבי הירש ליפהאוויץ זצ"ל אב"ד **גרויסווארדיין** • רבי יהודה ווייס זצ"ל דומ"ץ **אונגוואר** • רבי נחמן הכהן רובינשטיין זצ"ל אב"ד **ראחוב** • **ה' ניסן:** רבי אברהם חיים ב"ר יצחק (באניהאד) מוטצען זצ"ל דומ"ץ **האלמין** • רבי יעקב יוסף ב"ר שמעון גינז זצ"ל אב"ד **טשאבא, בעסערמין**